בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
צ'

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

**כי מדי דברי בו, זכור אזכרנו**

**לא נהניתי באצבע קטנה**

**זיי ווילן דיך שוין אויך נישט!...**

**תעניתים און סיגופים**

**איבערלאזן בחירה**

**די געצייג איז דאָ!**

**בפיך ובלבבך**

**דער טייטש פון "נצחי"**

**א פערטל שעה**

מכון טעם זקנים
שיחותיו של רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
**(ארה"ק: 072-257-3456)**

©

כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה
(MP3) של השיעור, יש לפנות
דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

ניתן לקבל את הקונטרסים דרך
הדואר (בכל שבועיים) במחיר
חודשי של $15 עבור הוצאות
עריכת הקונטרסים
**נא לפנות אל מס'**
**(+1) `347-232-7166**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
ארה"ק: 02.560.7387
ארה"ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
#2.1.2.1.1 ואח"כ #90

בס"ד

# פרשת וירא, שנת תשל"ו, (ח"א)

(טייפ מס' 107#)

## כי מדי דברי בו, זכור אזכרנו

דער רבי זאגט דארט אין תורה נ"ד[א]: "ה' אלקים איז 'שם מלא', **עלמא דאתי** - אזוי ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש: 'ה' אלקי - דא שירותא דמהימנותא, סליקו דמחשבה דעלמא דאתי'" - דער אנהויב אמונה איז, אז די מחשבה גייט ארויף אין עלמא דאתי.

דער שם הוי"ה אליין, איז עלמא דאתי - און אלקי איז דאך מלכות, וואס דאס איז די וועלט; און צו משלים זיין די ביידע שמות, איז דורך דעם זכרון אין עלמא דאתי.

אינגאנצן די נשמה איז נאר די שכל; אז איך האב איצטער א געדאנק פונעם אויבערשטן - דאס איז 'נשמה', דאס איז שוין א נשמה זאך; ממילא בין איך שוין גלייך צוגעבינדן - 'סליקו דמחשבה דעלמא דאתי דא שירותא דמהימנותא' - דאס איז א מענטש!

קומט דאך אויס, אז דער מענטש דארף האבן א קשר מיט די נשמה. האט דער רבי מודיע געווען[ב]: 'דערמיט וואס דו וועסט רעדן צום אויבערשטן דיבורים ביסטו זיך מקשר צום אויבערשטן' - דאס איז די וועלט מיט יענע וועלט; און דאס איז ה' אלקי, דאס איז דער אנהויב אמונה!

---

[א] וז"ל שם, באות א': צריכין לשמור מאד את הזכרון, שלא יפול לשכחה, בחינת מיתת הלב. ועיקר הזכרון הוא לזכור תמיד בעלמא דאתי, שלא יהיה בדעתו, ח"ו, שאין עולם אלא אחד. ועל ידי מה שמדבק מחשבתו בעלמא דאתי, עי"ז נעשה יחוד ה' אלקי הנ"ל. (כי ה' אלקים הוא בחינת שם מלא, שהוא בחינת עלמא דאתי כמובא. וכן מבואר בסבא משפטים דף צ"ח על פסוק זה. ה' אלקי - דא שירותא דמהימנותא, סליקו דמחשבה דעלמא דאתי).

[ב] עיי"ש בסוף התורה: "וזה בחינת: (תהלים ע"ז): "אזכרה נגינתי בלילה עם לבבי אשיחה ויחפש רוחי". בלילה, שאז הוא פקדונות הרוחות, בחינת: "בידך אפקיד רוחי" הנ"ל, אזי הזמן לקבץ הרוח טובה מתוך הרוח רעה. היינו שאז עיקר הזמן של ההתבודדות, להתבודד בינו לבין קונו, ולפרש שיחתו לפני השי"ת, לשוח עם לבבו, ולחפש הרוח טובה, דהיינו הנקודות טובות שיש בו עדיין, לברר מתוך הרוח רעה. שזהו בחינת ניגון הנ"ל, שעי"ז נשמר הזכרון כנ"ל".

"דארף מען זייער היטן דעם זכרון און זעהן נישט אריינפאלן אין קיין שכחה"; אין די רגע וואס איך לאז אפ דעם געדאנק, איך ליג נאר אין גוף - איז דאך געוואלד! נאר וואס דען? גלייך זיך געבן א כאפ קריק - איז ער שוין צוריק א מענטש, ער איז זיך מקשר ווייטער צו די נשמה, איך האב דאך א נשמה!

❖

עס שטייט אין זוהר הקדוש[ג], דאכט זיך מיר אין נח. רעדט ארום דארט דער זוהר הקדוש פון 'נפש רוח ונשמה' - אז נשמה איז עפעס א געוואלד; ווער עס איז זוכה צו נשמה - איז עפעס א געוואלדיגע זאך.

פרעגט ער די קשיא, א תלמיד פון ר' שמעון'ען[ד]: עס שטייט דאך דארטן[ה]: "כל אשר נשמת רוח חיים באפיו מכל אשר בחרבה מתו" - און רבי שמעון האט דאך געזאגט אז 'נשמה' איז גאר גרוים - איז די גרויסע מענטשן 'מתו'?

- זאגט ר' שמעון, אז דער פשט פון "כל אשר נשמת רוח חיים (וכו') מתו" - דאס מיינט מען נישט פון דעם מבול, נאר "מתו" מיינט ער די פון פריער; מתושלח איז טאקע אוועק פאר'ן מבול - זיבן טאג פאר'ן מבול.

אז זיי זענען שוין נישטא - איז ווער געבליבן? איז נאר געבליבן די קאליקע - די גרויסע זענען אוועק; ער מיינט מתושלח - (חנוך וירד, וכו').

זעהען מיר ארויס, אז א מענטש האט אינזין די נשמה, איז גאר עפעס אנדערש; דאס איז דער גדר: 'מענטש!' אז ער האט אינזין די נשמה.

---

[ג] ויגש רו.

[ד] וזל"ש: "כָּל אֲשֶׁר נִשְׁמַת רוּחַ חַיִּים בְּאַפָּיו מִכֹּל אֲשֶׁר בֶּחָרָבָה מֵתוּ". שָׁאַל רַבִּי חִיָּיא לְר' אַבָּא: אֲמַרְתּוּן דְּנִשְׁמָתָא לָא עָיְילָא בְּבַר נָשׁ עַד דְּאִסְתַּכְּלַת בְּפוּלְחָנָא דְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּכְדֵין לֶיהֱוֵי לֵיהּ הַהִיא נִשְׁמָתָא, וַאֲמַרִיתוּן דְּנִשְׁמָתָא הִיא קַדִּישָׁא מַעַלְיָא עַל כֹּלָּא - אִם כֵּן מַאי הוּא דְּאָמַר קְרָא 'כָּל אֲשֶׁר נִשְׁמַת רוּחַ חַיִּים' וְגוֹ' - הוֹאִיל וַהֲוָה לְהוּ נִשְׁמָתָא הֲוָה לְהוּ לְאִשְׁתֵּזָבָא? - לָא הֲוָה בִּידֵיהּ. אָתוּ שָׁיְילוּהָ לְר' אֶלְעָזָר בְּרַבִּי שִׁמְעוֹן. אָמַר לְהוּ: כַּךְ הוּא! וְהָא קְרָא מְסַיֵּיעַ לֵיהּ, דְּהָכִי אָמַר אֲבוֹי (אבא): דְּכִי אֲתָא טוֹפָנָא, לָא חָזָא (הוה) בַּר נָשׁ דְּיַעֲבִיד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בְּגִינֵיהּ, אֶלָּא נֹחַ. וּזְכוּתֵיהּ לָא הֲוָה אֶלָּא לְאַגָּנָא עֲלֵיהוֹן וְעַל בָּתֵיהוֹן, דְּלָא הֲוָה זְכוּתֵיהּ כָּל כַּךְ לְאַגָּנָא עַל כָּל דָּרָא. וְאִינוּן דַּהֲווּ זַכָּאִין בְּקַדְמִיתָא כְּגוֹן חֲנוֹךְ יֶרֶד דַּהֲווּ לְהוּ נִשְׁמְתָא קַדִּישָׁא, וְחַזְיָיאן לְמֶעְבַּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בְּגִינֵיהוֹן בְּחַרְבָּא - מֵתוּ. וְהַיְינוּ דְּאָמַר: "כָּל אֲשֶׁר נִשְׁמַת רוּחַ חַיִּים בְּאַפָּיו" - אִינוּן דְּנִשְׁמַתָא קַדִּישָׁא הֲוָה בְּהוֹן. וְלָא תֵימָא דְּעַל אִינוּן דַּהֲווּ בְּטוֹפָנָא אָמַר, אֶלָּא אֲתָא קְרָא וְאָמַר: "מִכֹּל אֲשֶׁר בֶּחָרָבָה מֵתוּ".

[ה] פר' נח (ז, כב).

די נשמה איז דער תכלית, די נשמה איז דאך דער תכלית - דער גוף וועט דאך ווערן נכלל; אז ער האט אינזין די נשמה, האט ער אינזין דעם תכלית - דעם תכלית הנצחי, דאס איז אן אייביגע זאך, דאס וועט קיינמאל נישט ווערן אויסגעלאזט!

נאר וואס דען, דער אויבערשטער האט גענומען די נשמה און ער האט איר מקשר געווען מיטן גוף - וואס דערפאר איז א מענטש העכער ווי א מלאך; א מלאך האט נישט קיין קשר פון א נשמה מיט א גוף - זיי זענען נשמה אליין; און א מענטש האט יא א גוף מיט אלע הצטרכות'ן - און אין אים איז דא א נשמה.

❖

# לא נהניתי באצבע קטנה

א מדרש איז דא: אז אין יעדן אבר ליגט א חלק הנשמה, [ווען נישט דעם - אז די נשמה זאל ווען נאר זיין אין איין איבר, אז ער וואלט ווען געווארן אין כעס, שניידט ער אראפ דעם אבר און גייט אויס]; אין יעדן חלק וואס איז דא אין א מענטשן, ליגט דארט א חלק הנשמה, א חלק פון אלקות.

קומט אויס, אז וואו איך גיב זיך א ריר, ליגט די נשמה: אין יעדן פינגער, אין יעדן האר - אין יעדן אבר פון די רמ"ח איברים ליגט אלץ נשמה. און אז עס ליגט נשמה, קען איך דעם איבר מקַדש זיין, קען איך דעם גוף מקַדש זיין - אומעטום ליגט דאך דארטן נשמה! די נשמה ליגט אין יעדן אבר - (ר' נחמן בורשטיין: הנשמה זן את כל הגוף![ו]).

די צדיקים האבן טאקע מקדש געווען דעם גאנצן גוף, יעדן אבר, ווייל די נשמה ליגט דארטן; אין יעדן אבר איז געלעגן נשמה מיט אלקות.

טאקע רבינו הקדוש, פאר די הסתלקות - "לא נהניתי אפילו באצבע קטנה"[ז]. ברענגט רש"י: פארוואס האט ער אנגעכאפט 'אצבע קטנה'? נאר ער האט אזוי פיל מקדש געווען דעם גוף - רבינו הקדוש, ער האט דאך געהייסן קדוש - אז אפילו אן

---

[ו] עי' ליקו"מ ל"ה, אות ב': כי חידוש השכל היא חידוש הנשמה, כי השכל הוא הנשמה, כמו שכתוב (איוב ל"ב): "נשמת שדי תבינם". כמו שאמרו רז"ל (ברכות י): 'מה הקב"ה זן את העולם אף הנשמה זנה את גופה', נמצא שהנשמה היא מחיה את הגוף, והיא בעצמה השכל, כמו שכתוב (קהלת ז'): "החכמה תחיה" וכו'.

[ז] גמ' כתובות קד.; וז"ל רש"י שם: 'ולא נהניתי בעולם הזה' - ["אפילו] לפי טורח שיגעתי באצבע קטנה שלי".

אצבע קטנה איז נישט געווען קיין הנאה אליין! - אן אייגענע הנאה איז אפילו קיין אצבע קטנה נישט געווען!

ווייזט אויס, אז כדי מען זאל זוכה זיין דערצו, זאל מען פאלגן דעם רבי'ן מיט זיינע עצות - קען מען זוכה זיין דערצו אויך.

דער דיבור האט אזא מין כח - דאס רעדן צום אויבערשטן האט אזא מין כח אזוי צו מקדש זיין די איברים מיט די גידים, אז עס זאל טאקע אזוי - -

יעדער אבר איז אלקות, יעדער גיד איז אלקות - און עס האט טאקע א קשר: טאקע דאס איז "ה' אלקי" - שם מלא, דאס איז דער אנהויב אמונה, דאס איז דער חילוק פון א מענטשן ביז א בהמה.

דער אויבערשטער בארימט זיך טאקע למעלה מיט א התפארות: "עס איז דא אין דער וועלט א מענטש, וואס איז אין אזא וועלט מיט א גוף, מיט אלע הסתרות - און ער איז אזוי ריין, אזוי הייליג, ער גיט אלץ אוועק פאר מיר".

טאקע מלאכים שעמען זיך פאר אים: א מענטש פון דער וועלט האט אזעלכע אויגן! ער האט אזעלכע ריינע אויגן, ריינע אויגן! ער האט אויגן נאר פאר מיר! ער האט א ריין מויל - אלע איברים!

- אזוי ווי דער רבי רעדט אין די תורה פון התפארות[ח]: אז "דער אויבערשטער איז זיך מתפאר מיט די אידן בכלל, בפרט און בפרטי פרטיות" - בפרטי פרטיות ממש; מיט יעדן אבר איז זיך דער אויבערשטער מתפאר מיט א מענטשן אז ער איז מקדש דעם אבר, דער אויבערשטער איז זיך מתפאר מיט יעדן אבר.

❖

[ח] ליקוטי מוהר"ן סי' י"ז, אות א', וזל"ש: "כלל הבריאה היה בשביל כלל ההתפארות שיקבל מישראל. וכן פרטי הבריאה הוא בשביל פרטי ההתפארות של ישראל. כי יש בכל אחד ואחד מישראל התפארות בפרטיות, שהשם יתברך מתפאר עמו בפרטיות, ואפילו בפחות שבישראל, אפילו פושעי ישראל, כל זמן ששם ישראל נקרא עליו, כי נקרא פושעי ישראל, יש בו התפארות פרטי, שהשם יתברך מתפאר עמו בפרטיות. וכן בפרטי פרטיות, כי יש בכל איבר ואיבר ובכל תנועה ותנועה של ישראל התפארות אחר. ויש לפעמים שאיזה פחות שבישראל עושה נענוע עם הפאה שלו, והשם יתברך יש לו התפארות גדול גם מזה!".

# זיי ווילן דיך שוין אויך נישט!...

**אוי, איז מען טאקע שלי'מזל'ניקעס, מען האט אזא מויל - און מיט דעם מויל קען מען זוכה זיין אזוי צו מקדש זיין אלע איברים און אלע גידים - און מען לאזט עס אפ, מען נוצט נישט אוים די מויל!**

**דער רבי זאגט טאקע אין דעם אנדערן חלק** (ליקוטי מוהר"ן תניינא)**, אין תורה כ"ה, פון התבודדות, אז "צדיקים האבן געזאגט אז זיי זענען נישט געקומען צו זייער זאך, נאר דורך די זאך - נאר דורך די דיבורים זענען זיי געקומען צו זייער זאך"!**

**"ודע, שכמה וכמה צדיקים גדולים מפורסמים סיפרו, שלא באו למדריגתם רק על ידי הנהגה זו"!**

**דער דיבור האט א געוואלדיגן כח: עס גיט אריין א כח הזכרון![ט] 'דיבור' איז די זאך פון דביקות, דאס באהעפט צום אויבערשטן![י]**

**דער דיבור איז מלכות, דער דיבור פירט אינגאנצן דעם מענטש, ער איז אויף אים מושל, ער פירט אים אינגאנצן, אלע איברים ווערן געפירט דורך דעם דיבור![יא]**

---

[ט] עי' ליקוטי הלכות ברכת הראיה ה"ה, י"ד, וז"ל: "כל כלי זיינו של משיח היא רק על ידי התפילה שהיא על ידי הדיבור (כמו שמבואר בסימן ב' ליקוטי קמא), וכמו שמבואר בכמה מקומות. ועל ידי זה עיקר הכנעת הרע עין שממנו השכחה. כי ביטול השכחה ולזכות לזכרון הוא על ידי הדיבור בבחינת 'זכור בפה' כמו שאמרו רז"ל. כמו שרואין בחוש שעל ידי שחוזרין משנתו כמה וכמה פעמים בפה מלא על ידי זה זוכרין לימודו תמיד. וכן לענין הזכרון העיקרי הנ"ל שהוא לזכור תמיד בעלמא דאתי שמתגבר כנגד זה הרע עין שממנו השכחה להשכיח מלב חס ושלום הזכרון הזה. על כן העצה לזה לחזור הזכרון הזה בדיבור פיו להיות רגיל בכל יום לדבר בפה מלא מענין הזכרון הזה לדבר אל לבו ולהזכיר את עצמו בפה מלא, מה יהיה התכלית ממני לעולם הבא? ומה יהיה סופי? וכי באתי הנה לקבוע עצמי חס ושלום בזה העולם? הלא הכל יודעין שאין שום קביעות בזה העולם העובר והרץ והפורח מאד, ולא באתי הנה כי אם להכין עצמי לעלמא דאתי, וכו'... וכן צריכין להתבודד בכל יום ולדבר בפה מלא מתכלית עולם הבא כנ"ל. כי הדיבור יש לו כח גדול להזכיר את האדם כנ"ל. וזה בחינת: "מדי דברי בו זכור אזכרנו", כמו שמבואר במקום אחר (סי' ע"ח, עיי"ש)". גם עי' עוד מזה בעלים לתרופה, מכתב פ"ח.

[י] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא פ"ד, וז"ל: "דע, שעיקר התחברות ודביקות להשם יתברך הוא על ידי התפילה. כי התפילה הוא שער, שדרך שם נכנסין להשם יתברך, ומשם אשתמודעין ליה. כי תפילה היא מלכות, כמו שכתוב (תהלים ק"ט) "ואני תפילה"; ותפילה - לשון התחברות, כמו שכתוב (בראשית ל): "נפתולי אלקים נפתלתי", תרגומו: 'לשון התחברות'.

[יא] עי' מדרש תהלים, קפיטל ל"ט, משל נפלא ונורא עה"פ: "מות וחיים ביד הלשון".

דער רבי האט דאך אזוי געזאגט[יב]: **"ווען ער זאל געווען וויסן דאס גרויסקייט פון תפילה, וואלט ער נישט צובראכן אזוי זיין גוף מיט תעניתים און סיגופים!"**.

דער רבי האט טאקע זוכה געווען צו וויסן - דייקא ווייל ער האט צובראכן דעם גוף; אבער אונז האט דאך שוין דער רבי מודיע געווען, אז מיר דארפן דאס נישט טאן! דער רבי האט נישט געהאלטן פון זיך מאכן תעניתים, דער רבי האט נישט געהאלטן פון קיין סיגופים אויך[יג].

ביי דעם רבי'ן ר' אלימלך איז געווען: דער רבי ר' אלימלך און ר' זושא, האבן זיך אוועקגעלייגט דארטן אויף אן ארט, עס איז געווען דארטן - - זיי בייסן ביינאכט[יד] - זיי האבן אים צעביסן אינגאנצן. נאכדעם האבן זיי שוין נישט געהאט וואו צו בייסן, (אמר:) **"זעה מיילעך מיילעך, זיי ווילן דיר אויך שוין נישט, דו ביסט אזוי מגושם אז זיי ווילן דיך שוין אויך נישט!"**

- זיי האבן אים שוין אזוי צעביסן אז עס איז שוין נישט געווען וואו צו בייסן - אומעטום.

"זעה מיילעך ווער דו ביסט, אז 'זיי' ווילן דיך שוין אויך נישט!"...

נו, דאס איז אלץ געווען געוועזנטליך (- פארשטענדליך), יא, ביי דעם רבי'ן ר' אלימלך - עפעס א קלייניקייט? דער רבי ר' אלימלך; אבער אונז האט מען דאך מודיע געווען - נישט דאס, נישט דאס טאן.

דו ווילסט זיך אוועקלייגן אז די בינען זאלן דיך בייסן? זיי זאלן דיך טאן? זוך זיך אפ א ווינקעלע און זעץ זיך אוועק - 'רעד צום אויבערשטן דיבורים' אזוי ווי פאר א גוטן פריינד - און דאס וועט בייסן, דאס וועט בייסן! דאס וועט שוין בייסן!...

❖

[יב] מובא בהשתפכות הנפש, הנהגות האדמו"ר ז"ל.

[יג] עי' שיחות הר"ן קפ"ה: "והזהיר על מקורביו שלא יתענו מעצמן כלל, רק בימים שציוה להם". גם עי' בשיש"ק ח"ג, אות צ"ה: בענין מעשה נאה אצל רביז"ל, שהפטיר אז רבינו ואמר: **"תעניתים וסיגופים איז אן אלטער טראקט** (דרך כבושה) **צו השי"ת, התבודדות און תפילה איז א נייע וועג צו השי"ת; אבער מען קומט אלץ ארויף אויף דעם אלטן און גלייכן וועג!"**.

[יד] וואנצן (בעדבאג"ס).

# תעניתים און סיגופים

(ר' חיים שלמה ראטענבערג: עס איז דא תורות אין ליקוטי מוהר"ן וואס רעדן וועגן 'תעניתים'!?) **נא, רבי נתן האט דאך אזוי געזאגט: "איך וואלט געוואלט זיך אוועקלאזן פאר א קיילעכיגער יאר - בעטן דעם אויבערשטן, עס זאלן מיר ווערן מבורר די ספיקות וואס איך האב אין ענין פון תענית!"[טו].**

**'איך וואלט געוואלט זיך אוועקלאזן אויף א קיילעכיגער יאר' - זיך אוועקלאזן עפעס אין א מדבר אויף א קיילעכיגער יאר - דאס הייסט, א גאנץ יאר - און נאר בעטן דעם אויבערשטן עס זאל אים ווערן מבורר די ספיקות וואס ער האט אין דעם ענין פון תענית.**

**דא האט דער רבי געהייסן - אזוי פיל תורות איז דאך דא פון תעניתים[טז] - און פון רבי'ן אליין** (בעל פה) **קומט אוים, אז מען דארף נישט פאסטן!?. על-כל-פנים האט ער געזאגט: "אז עס קומט א תענית וואס מען הייסט פאסטן, זאל מען כאפן ווי א לעקיכל"!.**

(ר' נחמן בורשטיין: אז עס קומט א תענית וואס שטייט אין שלחן ערוך) **"אין שלחן ערוך" - יא, "זאל מען כאפן ווי א לעקיכל!". "זאל מען כאפן ווי א לעקיכל" - אז מען זאל נישט וועלן פטר'ן פון זיך!**

---

[טו] עי' ליקוטי תפלות ח"א תפלה ק"ג: "וְתוֹרֵנִי וּתְלַמְּדֵנִי הַדֶּרֶךְ הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ אֵיךְ לְהִתְנַהֵג בְּעִנְיַן הַתַּעֲנִיּוֹת, אֲשֶׁר גִּלִּיתָ אָזְנֵנוּ בְּכַמָּה מְקוֹמוֹת בְּדִבְרֵי רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, גֹּדֶל עֹצֶם מַעֲלַת הַצּוֹם וְהַתַּעֲנִית שֶׁהוּא עִקַּר הַתְּשׁוּבָה. אֲבָל לְעֻמַּת זֶה נִמְצָא בְּכַמָּה מְקוֹמוֹת שֶׁאָסוּר לְהִתְעַנּוֹת בְּלִי רְשׁוּת הֶחָכָם הָאֱמֶת, וּבִפְרָט מִי שֶׁהוּא בֶּן תּוֹרָה, שֶׁהִזְהִירוּ עָלָיו רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, בְּכַמָּה מְקוֹמוֹת שֶׁלֹּא יַרְבֶּה בְּתַעֲנִית, שֶׁלֹּא יִתְבַּטֵּל מִדִּבְרֵי תוֹרָה. וְאַתָּה, השם אלקים אֱמֶת, לְפָנֶיךָ נִגְלוּ כָּל תַּעֲלוּמוֹת לֵב וְכָל הַסְּפֵקוֹת שֶׁיֵּשׁ בְּלִבִּי עַל זֶה, וּמִלְּבַד רִבּוּי הַמְּנִיעוֹת שֶׁיֵּשׁ לִי עַל עִנְיַן הַתַּעֲנִית מִצַּד כֹּבֶד הָעִנְיָן בְּעַצְמוֹ, נוֹסָף לָזֶה רִבּוּי מְנִיעוֹת הַמֹּחַ מִצַּד הַסְּפֵקוֹת הָרַבִּים שֶׁבְּלִבִּי עַל עִנְיַן הַתַּעֲנִית כַּאֲשֶׁר הִזְכַּרְתִּי לְפָנֶיךָ. עַל כֵּן בָּאתִי לְפָנֶיךָ, מָלֵא רַחֲמִים, שֶׁתְּזַכֵּנִי לֵידַע בְּכָל-עֵת אֵיךְ לְהִתְנַהֵג בְּעִנְיָן זֶה וּבְכָל הָעִנְיָנִים הַנּוֹגְעִים לַעֲבוֹדָתֶךָ, וְלֹא אֲבַלְבֵּל אֶת דַּעְתִּי הַרְבֵּה בְּאֵלּוּ הַסְּפֵקוֹת, כְּדֵי שֶׁלֹּא לְבַטֵּל עַצְמִי מִמְּעַט עֲבוֹדָתִי, רַק אֶזְכֶּה מֵאִתְּךָ לְיִשּׁוּב הַדַּעַת אֲמִתִּי, וכו', עיי"ש. וכן בתפילות שם ל"ז, נ, נ"ז.

[טז] עי' בליקוטי מוהר"ן סי' ל"ז, מ"ז, נ', נ"ז, ס"ב, קע"ט; תניינא סי' ה'.

ווייל אין אמת'ן וואלט מען געדארפט אסאך פאסטן, נאר (כנ"ל); אבער אז מען הייסט פאסטן (זאל מען עס כאפן!).

(ר' נחמן: וועגן בה"ב איז געווען עפעס - ר' נתן מיט ר' נפתלי'ן) **ר' נתן האט געזאגט[יז]: "דער רבי האט געהאלטן פון דעם גראבן סידור אויך - און דער גראבער סידור הייסט פאסטן; א סימן - אז עס איז דא סליחות!".**

❖

# איבערלאזן בחירה

(ר' חיים שלמה: האט מען דען נישט געוואוסט בחייו פון רבי'ן ווי אזוי צו טוהן?) **דער גאנג פון רבי'ן איז געווען אזוי - און ר' נתן איז אויך געגאנגען מיט דער זאך: אין די תורה** (תורות רביז"ל) **שטייט אלעם - און רעדן מיט יענעם האט מען נישט גערעדט 'טוה אזוי, עשה כך'.**

**..."איך האב דאך אייך געזאגט א תורה!"[יח]. שבועות דארטן![יט].**

[יז] עי' שיש"ק ח"ג, אות תי"ב: פעם צם מוהרנ"ת בתענית בה"ב, ושאל אותו ע"ז מורינו רבי נפתלי, כי לא שמע מרבינו אודות צום זה, וע"ז ענה לו מוהרנ"ת כדלהלן.

[יח] עי' חיי מוהר"ן כ"ט, וזל"ש: "זה שייך למאמר חומר איסור גזילה סימן ס"ט. בשעה שאמר רביז"ל המאמר הנ"ל, עמד אז לפניו איש עשיר אחד שלא היו לו בנים, ואחר איזה ימים הפציר העשיר הנ"ל את רביז"ל להתפלל עליו שיהיו לו בנים, השיב לו רביז"ל: הלא אמרתי לך תורה על ראש השנה! - ולא הבין כוונתו. ואחר כך נודע לו שכוונתו היא כי בברסלב היה איש אחד שירד מנכסיו, והיה להאיש הנ"ל קנאה גדולה על העשיר הנ"ל שעלה למעלה ונתעשר כל כך, וזה זמן לא כביר אשר היה בשותפות עמו והיו לו מעות הרבה יותר מהעשיר הנ"ל ולבסוף ירד ממדרגתו כל כך ועל כן היתה לו עליו קנאה גדולה. גם לקח אצלו מעות מזמן ולא החזיר לו. ורמז לו רביז"ל שבשביל זה אין לו להעשיר הנ"ל בנים כמבואר היטב במאמר הנ"ל. אך במאמר הנ"ל מבואר שלפעמים מתגבר את עצמו בקנאה וחמדה גדולה כ"כ על מעות חבירו, עד שעל ידי זה לוקח ממנו אף את אשתו. וכן היה, שאחר כך סמוך לפטירת רביז"ל ציוה לאנשיו שיאמרו להעשיר הנ"ל שיגרש את אשתו ויקח אשה אחרת ויוליד בנים. וכן עשה וגירש את אשתו אחר פטירת רביז"ל כמה שנים. ובתוך זה הזמן נפטרה אשתו של האיש הנ"ל שהיה לו קנאה על העשיר הנ"ל, ואז לקח האיש הזה את אשת העשיר הנ"ל ונתקיימו כל דברי רביז"ל המרומזים במאמר הנ"ל. והעשיר הנ"ל לקח לו אשה אחרת והיו לו ממנה בנים. ובענין העשיר הנ"ל יש הרבה לספר ואין כאן מקומו".

[יט] עי' חיי מוהר"ן, אות כ'.

דאס האט דער רבי געזאגט[כ]: "האט עמיצער געהערט פון מיר א דבר מוסר?!". רבי נתן האט נישט פארשטאנען, וואס הייסט? דעם רבי'נס זאך איז דאך אינגאנצן פיל מיט מוסר!?

- (בפירוש) מוסר האט מען פון דעם רבי'ן נישט געהערט - דער רבי האט נישט געזאגט קיין מוסר - נאר ער האט געזאגט א תורה פאר אלעמען; אבער יענעם זאגן 'אזוי, אזוי, פארוואס טוהסטו אזוי?' - האט ער נישט!

פארוואס? ווייל דעם רבי'נס זאך איז אזוי גרויס - אז אין איין אופן איז ביטול הבחירה - און אין איין אופן דארף מען צוהאלטן די בחירה.

דער רבי האט דאך געזאגט[כא]: "אם כן יעבוד השם יתברך את עצמו!" - קומט אויס אז דער אויבערשטער וועט זיך אליין דינען - מוז מען דאך (איבערלאזן בחירה).

אזעלכע כוחות האט עס אין זיך: עס איז בחירה - און עס איז ביטול הבחירה - עס איזביידע אמת!

טאקע אזעלכע כוחות איז דא ביים רבי'ן, אזעלכע דיבורים, וואס מען ווערט נתעורר ממש - אַה (עד כדי ביטול הבחירה), אבער מען מוז דאך אליין - נעמט מען ביי אים צו דעם שיין, איז ווידער בחירה. פונדעסטוועגן ברענגט דער רבי אין תורה ס"ה[כב], אז א רשימה בלייבט אבער איבער נאכן ביטול.

---

[כ] עי' שיחות הר"ן קכ"ד: "פעם אחת שאל אותי בלשון תמה: השמעת ממני דברי מוסר? ואמר שאינו יכול לומר דברי מוסר. כי כל דיבור מוסר שלו הוא מוטבל ומורחץ בדמעות (בלשון אשכנז אמר בזו הלשון: איטליכס ווארט פון מוסר איז בייא מיר פארוואשין מיט טרעהרין). ומחמת זה אינו יכול לומר מוסר בפירוש. ובתחילה היה אצלנו קצת תמיהה מה שאמר שאינו אומר מוסר. כי לפי דעתינו כל דבריו הם דברי מוסר גדול מאד מאד כאש בוערת ממש!? אך באמת לא היה רגיל לומר דברי מוסר בפירוש כדרך המוכיחים, אבל אעפ"כ כל דבריו וכל שיחותיו היה רק מענין עבודת ה'. וכל דבריו היה כגחלי אש ממש".

[כא] עי' חיי מוהר"ן ש"ל: אמר: "אני יכול לעשות מכולכם צדיקים גמורים נוראים, אבל מה יהיה, **אם כן יעבוד השי"ת בעצמו את עצמו** (כלומר שרצונו הוא שאנחנו בעצמנו נתייגע בכוחו ועצותיו הקדושים להשיג עבודת השם. אבל לא שהוא יתן הכל לגמרי)", עייעו"ש.

[כב] וזל"ש, אות ד': "בשעת ביטול שנתבטל אל התכלית, שהוא כולו טוב, כולו אחד, אזי באמת נתבטלין היסורין כנ"ל. אך אי אפשר להיות תמיד קבוע בבחינות הביטול, כי אם כן יצא מגדר אנושי, ועל כן מוכרח שיהיה הביטול בבחינות רצוא ושוב. על כן כשחוזר השכל מהביטול אל המח, שהוא כלי השכל, אזי אי אפשר להמוחין, שהם הכלים, לקבל זה השכל של בחינות בטול. כי הוא בחינות אין סוף, שהוא בחינות התכלית, שהוא כולו אחד, כולו טוב, ומחמת זה מרגיש המח הצער של היסורין... ודע שאחר כך כשחוזר מהביטול אל הכלים, דהיינו המוחין, אזי מתגברין היסורין ביותר ממה שהיו מקודם... אך אחר כך מקילים

'ביטול' הייסט: 'התבודדות'[כג]. נאכ'ן ביטול איז ער דאך צוריק אזוי ווי פריער? - זאגט דער רבי: אז א רשימה בלייבט איבער - און די רשימה ארבעט דערנאך, די רשימה קאכט שוין - די רשימה פון התבודדות בלייבט איבער און זי ארבעט שוין, דאס איז דער עיקר, אז עס זאל בלייבן די רשימה.

עס שטייט פון דעם רבי'ן רבי ברוכ'לען אין 'בוצינא דנהורא' - זאגט ער: "הבוחר בשירי זמרה" (ברכת ישתבח) - אז דער אויבערשטער איז בוחר אין די שיריים וואס בלייבט פון דעם דאווענען'!

אוודאי, פון יעדער דבר שבקדושה בלייבט עפעס איבער - און דאס 'עפעס', דארף א טובה טוהן דעם מענטשן אין אלע ענינים, אויף יעדן דבר שבקדושה!

❖

## די געצייג איז דאָ!

דאס איז געווען דער חילוק פון צדיקים; 'זיי' - וואס מען האט געטאן עפעס א זאך - האבן זיי אריינגעלייגט אין גוף אריין, דער גוף זאל הנאה האבן דערפון, עס זאל עפעס בלייבן אין אים - פון א דבר צדקה זאל דער גוף עפעס ווערן בעסער.

א תפילה, א דיבור - עס גייט טאקע ארויף למעלה, אבער א רשימה זאל בלייבן דא וואס זאל א טובה טאן דעם גוף און אים מזכך זיין, תורה כ"ב[כד], רחמנות האבן און מזכך זיין דעם גוף.

---

היסורין ומתנחמין עליהם, על ידי התחדשות התורה שזוכין על ידי היסורין. כי על ידי היסורין בא לבחינת ביטול כנ"ל. ואחר כך, אף על פי ששב מהביטול, אף על פי כן מהרשימו שנשאר מהביטול, על ידי זה נעשה התחדשות התורה".

[כג] עי' ליקוטי מוהר"ן נ"ב: "דע שעיקר הביטול, שאדם מבטל ישותו ונעשה אין, ונכלל באחדות השם יתברך, אין זה אלא על ידי התבודדות!".

[כד] וז"ל שם אות ה': "וצריך כל אדם לרחם מאד על בשר הגוף, להראות לו מכל הארה ומכל השגה שהנשמה משגת, שהגוף גם כן ידע מזאת ההשגה, בבחינת (ישעיהו נ"ח): "ומבשרך לא תתעלם" - 'מבשרך' דייקא, שלא תעלים עיניך מלרחם על בשרך, היינו בשר גופך, כי צריכין לרחם מאד על הגוף לראות לזככו, כדי שיוכל להודיע לו מכל ההארות וההשגות שהנשמה משגת. כי הנשמה של כל אדם היא רואה ומשגת תמיד דברים עליונים מאד, אבל הגוף אינו יודע מהם, על כן צריך כל אדם לרחם מאד על בשר הגוף, לראות לזכך הגוף, עד שתוכל הנשמה להודיע לו מכל מה שהיא רואה ומשגת תמיד כנ"ל".

זיי האבן אלץ געמאכט א זיכוך און א זיכוך, א זיכוך - און זיי האבן מזכך געווען, זיי האבן געהאט א הייליגן גוף, געלאזט א ריינעם גוף, זיי האבן מזכך געווען.

און אויף זיכוך הגוף דארף מען נישט בארגן אנדערע זאכן וואס איך האב עס נישט; (למשל:) א סטאלער אז ער דארף האבן דארטן די כלים און ער האט נישט, מוז ער גיין בארגן ביי א צווייטן אדער גיין קויפן; אבער פון דעם רבי'ן איז דאך דא א ווארט: איך גיב די געצייג אויך!"[כה].

דער רבי האט דאך געזאגט: די געצייג גיב איך אויך!

דאס הייסט, אז דער רבי זאגט אונז וואס מען דארף האבן - און ער גיט אונז דערצו די זאכן אויך[כו]: א 'פיסק מיט הארץ' - "בפיך ובלבבך"? - נא דיר האסטו! ער גיט די געצייג אויך; די געצייג איז דא ביי מיר, מען דארף נישט קויפן אין אנדערע פלעצער!

- וואס מען דארף טאן, ווייסט מען דאך; און די זאכן איז דא ביי מיר אויך; נו, בין איך טאקע א שלי'מזל'ניק; איך האב די געצייג און איך האב אלעס, און דער 'ראש', דער בעל מלאכה זאגט מיר 'דאס דארפסטו טאן און דאס דארפסטו טאן, אז דו זאלסט

---

[כה] עי' חיי מוהר"ן שי"א: אמר: "אני יכול לעשות כלים נפלאים מאד רק החסרון שאני בעצמי מוכרח לעשות בעצמי את הכלי אומנות שקורין גיצייג". ועי' מ"ש מוהרנ"ת זצ"ל בליקוטי הלכות, ערבית ה"ד, ל"ד: "וכמו כן הוא בכל אדם ובכל זמן. שאע"פ שמתחיל פעמים הרבה אין מספר בעבודת השי"ת ונופל בכל פעם, אפילו אם נפילתו גדולה מאד רח"ל אפילו מי שנופל חס ושלום לעבירות ממש רח"ל, אעפ"כ כל מה שהתחיל איזה התחלה בכל פעם אינו נאבד לעולם, כי אף על פי שבשעת הנפילה נתקלקל הכל אעפ"כ נשאר תמיד רשימה מכל עבודה ועבודה ומכל התחלה והתחלה. ואלו הרשימות הם תיקונים נפלאים והם נצרכים ומוכרחים מאד אל בנין הקדושה שצריכין להקים. כי אנחנו צריכין עכשיו שיבוא משיח צדקנו שיהיה גאולה שלמה שאין אחריה גלות. וצריכין להקים בנין הקדושה בנין שלם בדרך נפלא שלא יהרס לעולם. וצריכין לאסוף כל נדחי ישראל ולקבצם יחד בקדושה שנית. ולא ישאר שום ניצוץ ונשמה נדח בחוץ, כי הוא יתברך ברחמיו חושב מחשבות לבל ידח ממנו נדח. על כן צריכין לבנין זה כלים רבים לאין מספר. וצריכין להם כלי אמנות הרבה בלי שעור. וכמו ששמעתי פעם אחת מפי רבנו הקדוש זכרונו לברכה שאמר בזה הלשון: אני יכול לעשות כלים נפלאים אבל החסרון שאני צריך לעשות גם את הכלי אומנות שקורין (גיצייג). על כן עכשיו בדורות הללו בעיקבא דמשיחא שהסט"א התפשטה והתגברה מאד מאד לארכה ולרחבה מחמת שהיא רואה שעוד מעט מעט יבוא משיח ויוציא בלעה מפיה. על כן כל מה שאחד מישראל עושה לפעמים איזה דבר שבקדושה הן לימוד התורה או תפילה או צדקה וגמילות חסדים או שארי איזה מצוות, הכל הוא יקר מאד מאד בעיני השי"ת!" וכו', עיי"ש.

[כו] עי' חיי מוהר"ן פ"ה: "ומצא שם ספר והיו בו צירופי אותיות אז"ח הוא ד' וכו'" והיה מצוייר בהספר כלים ובתוך הכלים היו אותיות. גם היה בתוך הכלים אותיות של הכלים שיכולין לעשות על ידם אלו הכלים"... עיי"ש, וכו'.

מאכן א שיינע כלי - און אז דארט ליגט די געצייג אויך' - נו, טוה! - איך בין א שלי'מזל'ניק אז איך טוה נישט!

❖

## "בפיך ובלבבך"

(ר' נחמן בורשטיין מזכיר מה שמובא בליקוטי מוהר"ן, תניינא, תורה נ"ה: "רווח העולם הזה אין לשער, דהיינו מה שהאדם יכול להרויח בזה העולם, ואין צריך על זה הוצאות משלו, רק ממה שהכין לפניו הבורא יתברך יכול להרחיב ידו ולהרויח הרבה מאד - עין לא ראתה! וכו'") **יא, יא; אבער דאס איז א לשון אין חיי מוהר"ן - די געצייג.**

(רנ"ב: אין די מכתבים שרייבט ר' נתן[כ]: די וועלט רעדט אויך פון דעם תכלית, נאר זיי האבן נישט די געצייג!) **זיי האבן נישט די געצייג. דער רבי באנוצט זיך דען מיט געצייג וואס קיינער האט עס נישט? נאר דער רבי איז אונז מודיע אז דאס מויל איז א געצייג: "בפיך ובלבבך" מיטן פיסק און מיטן הארץ, דאס איז די געצייג!**[כח]

**אן אנדערער וויל טאן תשובה און ער מיינט אז ער האט עס נישט - דו האסט עס יא! ביי דיר איז עס דא! אז דו האסט א מויל האסטו געצייג!**

(קוראים בפנים בחיי מוהר"ן שי"א: אמר (רבינו): **אני יכול לעשות כלים נפלאים מאד רק החסרון** שאני בעצמי מוכרח לעשות בעצמי את הכלי אומנות שקורין גיצייג) - **"אָן מיר - אליין וואלט איר בשום אופן נישט געקענט"!**[כט] (רנ"ב: יא, אבער די וואפנע מיט ציגל![ל]) **די געצייג אליין -**

---

[כ] מכתב ש"י, וזל"ש: "וְאִם הָיִיתָ יוֹדֵעַ וּמֵבִין מַה שֶּׁהֵבַנְתִּי הַיּוֹם בִּסְפָרִים חֲדָשִׁים שֶׁמָּצָאתִי פֹּה אֵיךְ הָעוֹלָם מְשֻׁקָּע בַּמֶּה שֶּׁמְּשֻׁקָּע, הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יְרַחֵם, וְאֵיךְ כָּל הַמְחַבְּרִים שֶׁל עַכְשָׁו רוֹצִים לְחַזֵּק וּלְעוֹרֵר אֲבָל אֵין לָהֶם כְּלֵי אֻמָּנוּת שֶׁקּוֹרִין גִּיצַייג וְכוּ'. וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר עַל פְּנֵי הַשָּׂדֶה".

[כח] עי' חיי מוהר"ן רצ"ה: "שמעתי בשמו שאמר: אילו היינו רואין אוצר, היינו רצים בודאי אליו והיינו חופרים ומלַכלכים עצמנו ברפש וטיט בשביל לחתור אחריו ולמצאו, והלא אני אוצר של יראת שמים ומדוע לא יהיו להוטים ורצים אחרי לקבלו?!. ושאלו אותו: איך אפשר לקבל?! והשיב: עם הפה והלב צריכין לחתור ולבקש - **"מיטן פיסק און מיטן הארץ"** בפיך ובלבבך לעשותו".

[כט] עי' חיי מוהר"ן ש"ל: "גם אמר לי: **אתה בלעדי אינך יכול לעשות!** (היינו שאיני יכול לעשות ולעסוק בעבודת השם בלעדי כחו ועצותיו) **אבל אני בלעדיך גם כן איני יכול לעשות כלל!** (כלומר לעשות לי טובה כל זמן שלא אשתדל בעצמי לקבלה, כי מה שאני צריך לעשות הוא בעצמו אינו יכול לעשות הכל בלעדי, אף על פי שבאמת הכל ממנו)".

[ל] עי' חיי מוהר"ן רצ"ג: "שמעתי שפעם אחת אמר לאנשיו מה לכם לחשוב מחשבות, אין אתם צריכים כי אם לתת אבנים וסיד ואני בונה מהם בנינים נפלאים ונוראים (כלומר: שאנו צריכין רק לעסוק בעבודת ה' בפשיטות בתורה ובתפלה ומצוות והוא

**געבן אידן א מויל מיט א הארץ - דאס איז אויך דער כח הצדיק! אים געבן א מויל - אז ער זאל וויסן אז דער מויל איז א זאך!**

**מיר זעהען זיך איינמאל אין א וואך - דאס געצייג דארף זיין אויף א גאנצע וואך, מען זאל עפעס טאן דערמיט, זיבן טעג, זיבן נעכט, א 'שבת' איז דא אינדערמיט, דאס איז טאקע די גאנצע זאך וואס מען פלעגט זיך צונויף קומען רעדן פונעם רבי'ן!**

(רנ"ב: מען דארף דאך אלע טאג; ווי אזוי איז מען מקיים דעם דיבור מען זאל זיך צונויף נעמען אלע טאג[לא]? (אחד הנוכחים: דער שיעור צווישן מנחה מעריב!) (רנ"ב: יעדער איינער - דער איז דא, דער איז דארטן, דער זיצט אין כולל - מען דארף געפינען עפעס א זמן וואס עס איז נישטא קיין כולל!)

**הלוואי וואלט מען אינזין געהאט דעם 'תכלית הנצחי' וואס דאס איז אן אייביגע זאך - אזוי ווי מען האט אינזין די נארישקייטן - די טשעקן. נאר וואס דען? דאס פעלט: אז 'אט דאס איז נצחי, דאס איז אייביג'. דער ווארט 'נצחי' - דאס פעלט!**

❖

## דער טייטש פון "נצחי"

**ר' נתן זאגט טאקע אין א הלכה[לב]: אז "נצח" איז דער טייטש - צוויי טייטשן: 'אייביג' - און 'נצחון'. נצח איז איבערשפארן - דיביידע זאכן קומט זיך צונויף אין איינעם; וואס הייסט 'נצחון'? אז עס איז אויף אייביג!**

---

עושה בזה מה שעושה!) **"איר דארפט נאר צו טראגן שטיינער און וואפנע און איך באווע דער פון בנינים"** (ומשך הרבה תבת בנינים כמפליג בשבח נפלאות תפארת הבנינים הנוראים שבונה מזה)".

[לא] עי' ליקוטי הלכות גרים ה"ג, י"ט: "וזה בחי' הערבות שכל ישראל ערבים זה בזה. כי כ"א מישראל מחויב לדבר עם חבירו ביראת שמים בכל יום ויום וכמו שאנו מבקשין בכמה תפילות שנזכה ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים וכו'".

[לב] עי' ליקוטי הלכות ברכת הראיה ה"ה, אות ב', וזל"ש: "כי נצחון יש לו שני פירושים: לשון נצחון ולשון נצחיות, כמו שאמרו רז"ל בעירובין: כל מקום שנאמר 'נצח סלה ועד' אין לו הפסק לעולמי עולמים וכו'. ומי שמסתכל על האמת שני הפרושים אחד. כי רק הנצחון הנצחי זהו נצחון אמתי. אבל נצחון שהוא לפי שעה בזה העולם אינו נצחון כלל. אדרבא הוא מנצח את עצמו, מאחר שאיך שיהיה הוא עושה רעה לעצמו לנצח. וכמו שכתוב עת אשר שלט האדם באדם לרע לו. הינו לרע לו בעצמו כמובא . ועל פי רוב רואין גם בעולם הזה סופם הרע של בעלי נצחון דסטרא אחרא. כמו שאמרו במשנה על דאטפת אטפוך וכו'. וכמו שרואין בחוש... [וכו' עיי"ש]. על-כן עיקר הנצחון הוא נצחון נצחי, דהינו מי שזוכה לנצח את עצמו לנצח תאוותיו ומדותיו הרעים ולנצח את כל הרוצים למנעו מנקודת האמת ולהרחיקו על ידי זה מאביו שבשמים ח"ו. כי מאחר שכוונתו לשמים באמת, הוא מנצח תמיד איך שיהיה. כי מי שכוונתו באמת לאמיתו בשביל סטרא דקדושה, איך שמתנהג עמו הוא מנצח תמיד. כי כל פעולה ותנועה קטנה וגדולה שעושה בשביל הנצחון הזה,

אז איינער שלאגט זיך מיטן אנדערן און ער איז אים מנצח, האט ער אים איבערגעשפארט - אבער דאס איז א נצחון? דאס איז אן אייביגער נצחון? ער האט צוקלאפט יענעם גוט, אבער עס איז נישט קיין אייביגע זאך; נצחון הייסט נאר, אז עס איז ביידע: אי עס איז אייביג - אי עס איז איבערשפארן, דאס הייסט נצחון!

אז איך שפאַר איבער א זאך אויף אייביג, דאס הייסט נצחון! - און די אידן וואס האבן אינזין געהאט דעם תכלית זענען אזוי געווען פרייליך, פרייליכע אידן געווען.

דער אמת איז טאקע אזוי, ווען מען האט א געדאנק פון עלמא דאתי, דעמאלט קען מען זיין פרייליך, ווארום די וועלט איז 'שלא כסדר'[לג], די וועלט 'אליין' איז שלא כסדר, די וועלט אליין איז עצבות וכבדות, די וועלט טוהט בשום אופן נישט געבן קיין חיות מיט שמחה. אז דער אויבערשטער העלפט, מען האט אין זיך עפעס אן איידעלן געדאנק פון עלמא דאתי -

מען מיינט אז 'עלמא דאתי' מיינט מען נאר דעם שטארבן - עלמא דאתי איז דאך עפעס א תכלית הנצחי! א תענוג הנצחי!

דער רבי זאגט אין תורה 'כי מרחמם ינהגם'[לד], אז א השגה אויף איין רגע פון דארטן, איז מער ווי דער גאנצער וועלט!. אזא מין תענוג הנצחי איז דא לעתיד וואס איז א געוואלד, מען קען גארנישט משער זיין דעם תענוג הנצחי - און דער תענוג הנצחי וועט מען זוכה זיין - וואס מען האט מער ממעט געווען דא מיט תענוגים וועט מען זיין דארטן נענטער צו דעם תענוג הנצחי!

אז מען דערמאנט זיך: 'איך האב אזא מין תענוג פאר מיר, און דא - פארוואס לויף איך אזוי נאך?! אז איך דארף אויפשטיין פארטאג אביסל מערער, קרעכץ איך אזוי' - וואס איז?!

❖

היא נשארת קיימת לנצח לעולמי עד ולנצח נצחים. כי אין הקב"ה מקפח שכר כל בריה אפלו שכר שיחה נאה, וכו'", עיי"ש.

[לג] ע"פ ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' פ"ב.

[לד] ליקוטי מוהר"ן תניינא ז', וזל"ש: "כי כל הזמן של כל העולם הזה כולו, מה שהיה ומה שיהיה, הוא כולו אין ואפס נגד יום אחד, ואפילו נגד רגע אחת של עולם הבא!".

# א פערטל שעה

(חסר) איינמאל שטייט אז דער רבי האט געזאגט: 'א מענטש פון א תענוג'ל וועגן פון א פערטל שעה קאן ער אנווערן די וועלט און יענע וועלט'! - האט דער רבי אנגעכאפט: א פערטל שעה![לה]

און דער רבי זאגט טאקע אין די תורה פון 'אני היום ילדתיך'[לו], כאפט דער רבי אויך אן א פערטל שעה, א רבע שעה!

דער רבי האט אויך געזאגט ר' שמואל אייזיק'ן: קרעכץ עס אויס! - דאס איז אן אנדער דיבור[לז]: איבער אביסעלע בלוט זאלסטו אנווערן די וועלט און יענע וועלט? קרעכץ עס אויס!

- ער האט עס אויס געקרעכצט![לח]. ר' שמואל אייזיק האט געזאגט אויף זיך: אז מיט דעם כח פונעם רבי'ן, אז ער רעדט צו אן איבר, גייט ארויס דאס חיות פונעם איבר, דעם איבר איז אינגאנצן בטל דאס חיות.

---

[לה] לקוטי מוהר"ן ק"ח.

[לו] ליקוטי מוהר"ן תנינא ס"א, וזל"ש: "אף על פי שאצלנו לפי שכלינו נדמה שזהו זמן של שבעים שנה, בשכל הגדול יותר הוא רק רבע שעה. וכן למעלה מעלה שבשכל שהוא גבוה עוד יותר למעלה, גם אותו הזמן שבשכל הגבוה משכלינו אינו נחשב שם, בשכל הגבוה עוד יותר, רק לזמן מועט ופחות מאד. וכן למעלה מעלה עד אשר יש שכל גבוה כל כך, ששם כל הזמן כולו אינו נחשב כלל, כי מחמת גודל השכל מאד, כל הזמן אין ואפס לגמרי, כמו שאצלנו השבעים שנה שעוברים בחלום הם רק רבע שעה באמת כנ"ל, כמו כן יש שכל למעלה משכל, עד שהזמן נתבטל לגמרי!".

[לז] חיי מוהר"ן סימן תמ"א, וזל"ש: "פעם אחת אחז רביז"ל את הרב רבי שמואל אייזיק כנגד לבו ואמר לו, בשביל מעט דם כזה, היינו שבחלל הלב תאבד את העולם הזה והעולם הבא?! (ובלשון אשכנז: "איבער אביסעלי בלוט זאלסטו אן ווערין דיא וועלט אין יענע וועלט? קרעכטץ זי אויס!") הוה רגיל להתאנח הרבה עד שתפטר אותו ותכניע הרע שבו, ותזכה לבחינת (תהלים קט): ולבי חלל בקרבי.

[לח] עיי"ש בהמשך, אות תמ"ב, והרי לפניך לשונו: "לאחד מגדולי ממקורביו [ר' שמואל אייזיק] ז"ל ציוה לו בימי נעוריו של המקורב הנ"ל שבשעת התבודדות ידבר הרבה בפרטיות עם כל איברי גופו ויסביר להם שכל תאוות הגוף הבל, כי הא סוף כל אדם למות, והגוף לקברות יובל וכל האברים יבלו ויתרקבו וכו' ועוד דיבורים כיוצא באלו. והתנהג כך איזה זמן. ואחר כך סיפר עם רביז"ל והתנצל לפניו באשר שהגוף אינו שומע ומרגיש כלל כל דבריו וטענותיו עמו. אמר לו רביז"ל התחזק בענין זה, ואל תרפה ידך מזה, ותראה אחר כך מה שיהיה מהדיבורים הללו. ושמע לעצתו וקיים דבריו עד שזכה אחר כך שכל איבר ואיבר שדיבר עמו בפרטיות נמשך אחר דבריו כל כך, עד שיצא ממנו החיות ממש ונשאר בלא כח

**ער האט אמאל אנגעהויבן רעדן צום הארץ, איז ער ממש געבליבן חלשות, מען האט אים געדארפט ראטעווען. אז דאס הארץ גייט ארויס איז - - האט ער געזאגט אז דאס האט ער גע'פועל'ט דורכן רבי'ן, אז ער רעדט צו אן איבר גייט ארויס דאס חיות פונעם איבר; אזוי האט ער גערעדט צום אויבערשטן!**

**פריער האט ער געזאגט צום רבי'ן: איך רעד און רעד – די אברים ווילן נישט הערן.** (ענה לו רבינו:) **'רעד, רעד, זיי וועלן שוין הערן, זיי וועלן שוין הערן!' - נו, האבן זיי אנגעהויבן צו הערן!**

(ר' נחמן: ר' עוזר פלעגט זיך אויך אזוי פירן?) **ר' עוזר, יא, האט אויך אזוי געטאן - ר' עוזר**[לט]**.**

**דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן, איי איי!**

(המשך בשבוע הבא)

---

והרגשה כלל. וזה ראה בחוש באיברים החיצונים כגון אצבעות ידיו ורגליו וכיוצא בזה, עד שאיברים הפנימיים שהחיות תלוי בהם כגון הלב וכיוצא היה צריך לצמצם דבריו מאד בכדי שלא תצא ממנו החיות ממש רח"ל. ושמעתי שפעם אחת דיבר האיש הנ"ל עם המקורבים אליו מענין איך שעולם הזה אינו כלום ומה הוא התכלית מכל עניני הגוף וכו' כנ"ל ובתוך דבריו נתעלף והתחיל לגווע (ובלשון אשכנז שנשאר חלשות) וביגיעות גדולות עד ששב ונתעורר בו חיותו. ואמר אז שזכה על ידי קדושת רביז"ל למדרגה כזו אשר בכל עת שמזכיר עצמו היטב מיראת הענש והסוף והתכלית של כל עניני העולם הזה, אזי מרגישין כל איבריו אפלו אצבע הקטן שברגליו ממש כמו ששוכבין כבר בקבר ומרקיבין וכו' עד שצריך התחזקות גדול להחזיק חיותו בקרבו, שלא תצא נפשו ממש, רח"ל!".

[לט] רלוי"צ היה מספר: "עס איז אמאל געווען א דאנערשטאג פארנאכטס, דער שטייגער דארטן פון די קלייטן פון מעל איז געווען, אז זיי פלעגן זיצן ביז שפעט ביינאכט, צוועלף ביינאכט; די אלע בעלי מלאכות אז זיי גייען פון די ארבעט, גייען זיי קויפן מעהל אויף שבת. איז געגאנגען דארט א מיל'טשיק נאך זיין ארבעט, דורכגעגאנגען דעם גרויסן שול אין אומאן, הערט ער עפעס א קול פון די עזרת נשים פון די גרויסע שול, ער האט זיך איבערגעשראקן, אפשר גייט פאר דארט עפעס ביינאכט אין די שול. הערט ער א קול ווי איינער רעדט, עס איז געווען ר' עוזר. דער רבי האט דאך געהייסן רעדן צו יעדן איבר; הערט ער ווי ער הייבט אן צו רעדן, ער הייבט אן רעדן צו די אויגן: "אויגן אויגן, אויגן אויגן, יעדער קוק וואס דו וועסט טאן, וועט דער ווארעם ליגן אין די אויגן און ער וועט דיר געבן אזא מין ביס - וואס וועסטו טאן? אז נאך א קוק, איז נאך א ביס" - און אזוי האט ער ארומגערעדט: די אויגן די אויגן. "איי, עוזר האט דאך נישט אויף שבת - וועסט האבן אויף שבת, וועסט האבן אויף שבת!". נאכדעם האט ער אנגעהויבן צו רעדן ווייטער צו דעם מויל - צו די אלע איברים גערעדט, און נאך יעדן איבר, האט ער אויסגעלאזט: "איי, עוזר האט דאך נישט אויף שבת? - וועסט האבן אויף שבת, וועסט האבן אויף שבת!". דער מיל'טשיק האט דאס געהערט, איז ער שוין אוועק און ער האט אים אריינגעבראכט אין שטוב אויף שבת". (טייפ חיי שרה תשל"ו)

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **דוב בוידעק** הי"ו
לייקוואד יצ"ו
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

מוה"ר **אברהם רויטנבערג** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

מוה"ר **נתן האבערפעלד** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל הולדת נכדתו אצל בנו מו"ה אהרן הי"ו
למזל טוב

מוה"ר **נחמי' ווייס** הי"ו
בארא פארק יצ"ו
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

מוה"ר **יעקב דוב מיללער** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

מוה"ר **אלכסנדר גאלדרינג** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל שמחת נישואי בנו החתן היקר **חיים זאנוויל שמעון** נ"י, למזל טוב
החתונה תתקיים בס"ד יום ד' ויחי
באולם עטרת חנה – לייקוואד
כל אנ"ש מוזמנים

מוה"ר **אברהם יהודה שפילמאן** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

נא להתפלל עבור רפואתם
**יצחק יעקב** בן **פראדל**
**פייגא רבקה** בת **רחל**
לרפו"ש בתוך שאר חולי ישראל

לעילוי נשמת
מו"ה **יעקב** ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א
תנצב"ה

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו – נלב"ע י"ב שבט תשע"ט, תנצב"ה